# **בנים אתם לה׳** (בניגון משכיל לדוד)

יו"ל לרגל כנס **"לשפוך"** לחיזוק עצת העצות, בישיבת 'מתיבתא' ברסלב בית שמש

**מילים**: ר' יואל פוקס הי"ו

בנים אתם
להשם
א'לוקיכם,

מיינע קינדער
אונז רופט ער
דער אייבישטער.

בנים אתם
להשם
א'לוקיכם,

כְּהָאב זייער ליב
יעדן איד
ווי מיין בן יחיד.

* * *

2. אונז בא'גליק'ט
און גישיקט
דעם רבי'ן

מאכט אונז לייכט
און באלייכט
דעם לעבן,

עצות גיט
טראגט אונז מיט
אויף זיינע פלייצעס,

איין עצה נאר
רופט ער קלאר
עצת העצות.

פ ז מ ו ן:

**קולי אל ה' אזעק**
**גיס זאך אויס**
**רעד אלץ ארויס**
**יעדן טאג,**

**קולי אל ה'**
**רעד צו עם**
**אין יעדן קלעם,**

**יעדן פלאג**
**יעדן קלאג**
**אלעס זאג!**

* * *

**קולי אל ה' אזעק**
**דאנק עם דאך**
**און בעט עם נאך**
**יעדן טאג,**

**אויב דיין הארץ**
**איז פארשווארצט**
**ביסט פארזעצט**
**אנגיזעצט**

**אויף דעם אויך**
**שרייזש'ע הויך**
**'לשפוך'..**

3. טוט דיר גיין
דאנק עם שיין
בדברי חן

טוט נישט גיין
שריי און ווין
פאר עם אליין

רעד אויס העכט
וואס ס'איז רעכט
און וואס ס'איז שלעכט.

וואו דו ביסט
און וואס דו ווייסט
דאס הארץ פארגיס.

* * *

4. אין גיצעלט
צו אין פעלד
קענסטו רעדן,

הייס צו קאלט
וואו מען האלט
פאר יעדן,

אנהייב טאג
אדער אין גערואג
חוק ולא יעבור

איין שעה
ביסטו דא
יעבור מה שיעבור.

פ ז מ ו ן

5. אמאל גייט איבער
נישטא קיין דיבור
זינג צו עם א ניגון

שווייג און בענק
עם גידענק
וועסטו קריגן

דער כהן גדול דארט
אויפן הייליגסטן ארט
גיגליכן צו דעם

צום יושב בסתר
וואס זיצט ביים קיסר
און רעט צו עם.

6. א גאנצע וואך
מיטן גאנצן קאך
לאז נישט נאך

צובראכן, גאנץ
אן א גלאנץ
דעם זעלבן שטאנץ

ווייל וואסער פליסן
קען צושיסן
א שטיין אויך

זאלסט עס וויסן
דאס הארץ אויסגיסן
'לשפוך'..

פ ז מ ו ן

* * *

(גבוה) **לאמיר שוין ארויס גיין**

**אין פעלד,**

**זיך אויס רעדן צום באשעפער**

**פון דער וועלט,**

**דאנקען עם אויף אלץ**

**וואס ער האט צוגישטעלט,**

**בעטן עם אויף יעדע זאך**

**וואס פעלט,**

**לשפוך לפניו שיחי**

**נפשי כמים שפכי**

**ער זאל אונז מקרב זיין צו עם**

**צו תורה און עבודת השם.**